תלמוד תורה
היכל הקודש
ברסלב - ירושלים
מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע
בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א
פרשת יתרו תשפ"ב

# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

בס"ד

## נייעס אין חדר

### שמחה אין ירושלים

די שמחה אין ירושלים איז גאר גרויס ווען מ'האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט ממנה געווען חברי הנהלה וואס זאלן פירן די מוסדות אין ירושלים לויט די אנווייזונגען פונעם ראש ישיבה שליט"א, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ממנה געווען א עקסטערע גבאי אין אמעריקא וואס זאל העלפן פאר די חברי הנהלה צו קענען פירן די מוסדות מיט יישוב הדעת, כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים.

### חשוב'ע געסט פון מאנסי אין חדר

צוויי חשובע קינדער פון אמעריקא וואס ווילן די וואך אין ירושלים, זענען גאר שיין אויפגענומען געווארן דורך די טייערע קינדער פון אונזער חדר, ר' זושא פרידמאן נ"י - דער טאטע פון אלעזר מיט שלום נ"י האט געבעטן דעם אייבערשטן אז אין די צייט וואס ער געפונט זיך אין ירושלים זאלן זיינע קינדער האבן די זכיה צו לערנען אין די הייליגע חדר, און באקומען די ריינע אמונה און קדושה וואס מען לייגט אריין אין די קינדער אין תלמוד תורה היכל הקודש, ברוך השם די קינדער זענען זייער צופרידן און פרייליך אז זיי זענען זוכה צו גיין אין אזא הייליגע חדר.

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד זענען אונז מקבל פנים אונזער נייער תלמיד
**מרדכי פערל** נ"י
וואס איז די וואך אריינגעקומען לערנען אין אונזער חדר
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל וואקסן א גרויסער צדיק

## פרנס השבוע

די הוצאות התלמוד תורה פון די וואך איז נתנדב געווארן דורך חברינו היקר
מוה"ר **יואל גאלדבערגער** הי"ו
דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס
בברכה
הנהלת המוסדות ירושלים

## געלערנט די וואך

### זיך האלטן קליין

דער מלמד האט די וואך אסאך ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון זיך האלטן קליין און זיך נישט גרויסן אויף א צווייטן, אזוי ווי מ'זעט אז משה רבינו האט אליין צוגעגרייט די סעודה פאר יתרו כאטש ער איז געווען דער רבי פון כלל ישראל ווייל ער האט זיך געהאלטן גאר קליין, און אזוי אויך זעט מען אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה דוקא אויפן בארג סיני - די בארג וואס האט זיך געהאלטן קליין און זיך נישט געגרויסט אזוי ווי די אנדערע בערג פון מדבר וואס האבן געוואלט אז דער אייבערשטער זאל געבן די תורה אויף זיי, ווייל די תורה קען מען באקומען נאר אויב מ'האלט זיך קליין און מ'איז גרייט צו אננעמען וואס דער אייבערשטער און די צדיקים זאגן.

## א בילד פון חדר



דער געטרייער מלמד ר' יהושע ראבינאוויטש הי"ו זיצט מיט די טייערע קינדער

## מעשיות פון תפילה

**ש'כח אייבערשטער אז אין אונזער חדר געבט מען אריין אין די קינדער פון יונגערהייט די הייליגע עצות פונעם רבין און בפרט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אלע קינדער אין חדר געוואוינען זיך צו אז יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי פונעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות**

**אלע קינדער פון חדר -** האבן געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל געדענקען צו ברענגען געלט צו קענען געבן יעדן טאג א פרוטה לצדקה - אזוי ווי דער מלמד האט געהייסן, און ש'כח אייבערשטער אז אלע קינדער האבן געדענקט צו ברענגען פרוטות פאר צדקה.

**מרדכי פערל** - איין טאג אינדערפרי אין חדר האט מיין האנט איינגעשלאפן און ס'האט מיר זייער געשטערט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין האנט זאל זיך צוריק אויפוועקן און ש'כח אייבערשטער אז מיין האנט האט זיך גלייך צוריק אויפגעוועקט.

**מוטי פאפנהיים** - איין נאכט האב איך נישט געקענט איינשלאפן, איך בין געלעגן א לאנגע צייט אין בעט און נישט געקענט איינשלאפן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען איינשלאפן און ש'כח אייבערשטער איך בין גלייך איינגעשלאפן.

**רפאלי פאפנהיים** - איך בין אראפגעפאלן און זיך צוקלאפט מיין פוס און ס'האט מיר גאר שטארק וויי געטון, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין פוס זאל ווערן בעסער און ש'כח אייבערשטער אז מיין פוס איז געווארן בעסער.